# עולת שבת בשבתו

**ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**פה ק"ק קרית יואל יצ"ו**

**בעזהשי"ת** | **פרשת שלח** | **כיתה ו' ז' תשע"א לפ"ק**


## דורש טוב

**ויקרא משה להושע בן נון יהושע:**

זאגט רש"י: **התפלל עליו קה יושיעך מעצת מרגלים.** פרעגן די מפרשים פארוואס האט משה רבינו נישט מתפלל געווען אויף כלב בן יפונה ער זאל ניצול ווערן פון די מרגלים?

ענטפערט דער **כנסת יחזקאל** אז עס שטייט אין **זוהר הקדוש** אז די מרגלים האבן גערעדט שלעכטס אויף ארץ ישראל, ווייל אין מדבר זענען זיי געווען נשיאים, און זיי האבן מורא געהאט אז אין ארץ ישראל וועלן זיי נישט זיין קיין נשיאים. פארוואס האבן זיי געקלערט אז זיי וועלן נישט זיין קיין נשיאים? ווייל זיי האבן געוואוסט אז אין ארץ ישראל וועט זיין א קעניג פון שבט יהודא, במילא וועט זיכער "**כלב**" דער נשיא פון שבט יהודא ווערן קעניג און נישט זיי. ממילא איז שוין גוט פארוואס משה רבינו האט נישט מתפלל געווען אויף כלב, ווייל כלב האט קיינעם נישט מקנא געווען.

*

**היש בה עץ:** זאגט רש"י: **אדם כשר שיגין עליהם בזכותו.** נאכדעם שטייט אין פסוק **והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ,** דארף מען פארשטיין דעם המשך פון די צוויי זאכן צי עס איז דא א צדיק, מיט דעם אז מען זאל נעמען פון די פירות?

אויך דארף מען פארשטיין ווי אזוי קענען די מרגלים וויסן אויב דארט איז דא א צדיק? זיי קענען זעהן א מענטש איינגעהילט אין א טלית, אבער פון וואו זאלן זיי וויסן אויב ער איז א אמת'ער צדיק, אפשר איז ער א פאפער?

### ידיעות פון די וואך

## ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם

אין די וואכעדיגע סדרה לערנען מיר אין די פרשה פון ציצית איבער די שטארקעווארענונג פאר א אידיש קינד זיך צו היטן די געדאנקען און די אויגן כדי נישט צוקומען צו קיין זינד ח"ו.

עס איז באקאנט אז דער ערשטער רשע וואס האט אויסגעטראפן דעם רעיון הציוני איז געווען **הערצ"ל** ימש"ו, וואס ער איז געווען אן אפענער אפקורס און א כופר באלקי ישראל.

דער צווייטער רשע וואס האט געהאט א גרויס חלק און מסית ומדיח זיין פאר ציונות איז געווען **קוק** ימ"ש, וואס ער איז געווען א רב מיט רבני'שע מלבושים, און ער האט געקענט לערנען, אבער אינעווייניג איז ער געווען פארפוילט און פארדארבן מיט מינות און כפירה.

ביי א געלעגענהייט האט **כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זצוק"ל** נאכגעזאגט וואס ער האט געהערט אין שטוב ביי זיין פאטער דער **עצי חיים** זי"ע, טייטשן דעם פסוק ולא תתורו אחרי לבבכם, מיינט **הערצ"ל** ימ"ש (הארץ), ואחרי עיניכם, מיינט **קוק** ימ"ש (מ'קוקט מיט די אויגן).

## מעשה רב

אין די וואכעדיגע סדרה דערציילט אונז די תורה איבער די גרויסע מצוה פון הפרשת חלה, "**ראשית עריסותיכם חלה תרימו לה**", אז עס איז דא א מצוה אראפצונעמען חלה פון יעדע טייג וואס מען קנעט איין צום באקן.

אין ספר "**שיר ידידות**" (פר׳ וזאת הברכה) דערציילט דער מחבר **הגה"צ רבי שמואל יעקב ראטה זצ"ל** אב"ד דיורע ושו"ב בקליינווארדיין יע"א, א מעשה פלא וואס ער האט געהאט מיט די מצוה פון **חלה**.

געווען איז דאס בשנת תר"ס לפ"ק ווען ער האט זיך אריבערגעצויגן וואוינען אין א צווייטע שטאט, און ער איז געפארן מיט די באן צו זיין נייעם וואוין ארט מיט זיין גאנצע פאמיליע, דארט אויפן באן זענען געזעסן א גרופע חסידי'שע אידן און האבן צווישן זיך עוסק געווען אין דערציילן סיפורי צדיקים.

צווישן די מעשיות האט איינער דערציילט אז איינמאל איז ביי אים ל"ע קראנק געווארן א קינד מיט א מחלה וואס די דאקטורים האבן בשום אופן נישט געקענט באשטעטיגן וואס די מחלה איז, איז ער אריבערגעפארן מיטן קינד צו זיין רבי'ן, און דער רבי האט געזאגט אז ער זעהט אויף דאס קינד א עבירה פון "**חלה**", דער איד האט נישט פארשטאנען וואס דאס מיינט, ווייל אפילו אויב זיין פרוי נעמט נישט אראפ קיין חלה, עסט ער דאך אויך פון די זעלבע **חלה** דאן פארוואס איז פונקט דאס קינד קראנק געווארן, אבער אז דער רבי זאגט אזוי האט ער נישט געפרעגט קיין שאלות, און ער איז אהיימגעפארן און ער האט געפרעגט זיין ווייב אויב זי נעמט אראפ יעדע וואך **חלה**. האט זי אים געזאגט אז זי קויפט פארטיגע חלות ביים בעקער וועלכער איז א ערליכער אידן און ער נעמט זיכער אראפ **חלה**.

דער איד איז אריבערגעגאנגען צום בעקער און ער האט אים געפרעגט אויב ער נעמט אראפ **חלה**, האט דער בעקער געפרעגט מיט וואונדער "וואס הייסט?! איר האט נישט באמערקט אז איך לייג צו יעדע וואך אויף די **חלה** באהאפטן א קליינע בילקעלע, דאס איז ווייל איך האב אייך אליין געוואלט מזכה זיין מיט די מצוה פון אראפנעמען **חלה**".

זאגט דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** א מורא'דיג ווארט: אז משה רבינו האט זיי טאקע געגעבן א גוטן סימן, אז מען זאל קוקן ווי אזוי זיינע קינדער און תלמידים פירן זיך אויף. ווייל אפילו א מענטש פירט זיך אויף ערליך ווייסט מען נישט אויב אין זיין הארץ איז ער אויך ערליך, אבער אז זיינע קינדער און תלמידים פירן זיך אויך ערליך, דעמאלט ווייסט מען שוין זיכער אז ער איז אויך אזוי.

דאס זאגט דער פסוק: משה רבינו האט געהייסן די מרגלים זאלן קוקן **היש בה עץ**, אויב דארט איז דא א צדיק. איי, דו ווייסט דאך נישט ווער עס איז א צדיק, אויף דעם האט ער געזאגט: **ולקחתם מפרי הארץ** עטץ זאלטס קוקן אויף די פירות פון די צדיקים, דאס מיינט די קינדער און תלמידים פון דעם מענטש, דעמאלט וועט עטץ שוין וויסן אויב ער איז א צדיק.

## מוסר הפרשה

אין די וואכענדיגע סדרה לערנען מיר די פרשה פון מצות ציצית.

כאטש די עיקר מצוה פון די תורה איז נאר ווען מען טוט אן א בגד פון פיר עקן וואס דעמאלטס דארף עס האבן ציצית, אבער אז ער האלט נישט ביים אנטון דעם בגד מוז עס נישט האבן קיין ציצית, דאך האבן אידישע קינדער מקבל געווען אויף זיך מצות ציצית, און מען טוט אן א פיר עקעדיג בגד מיט ציצית, צוליב די גרויסע חשיבות המצוה, אזוי ווי די גמרא זאגט אין מס׳ נדרים אז די מצות ציצית איז חשוב קעגן אלע תרי"ג מצוות אינאיינעם.

דער טעם פארוואס די תורה הק׳ האט באפוילן כלל ישראל די מצוה איז, כדי אונז צו דערמאנען צו היטן אלע מצוות פון די תורה,

אזוי ווי עס שטייט **וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה' ועשיתם אותם.**

די ציצית דערמאנט פון די תרי"ג מצוות, ווייל דאס ווארט "**ציצית**" באטרעפט 600 די 8 פעדימער און 5 קניפן זענען 13 אינאיינעם 613 כמנין **תרי"ג**.

פארוואס ווערט עס אנגערופן **ציצית?** א) ציצית איז א לשון פון "**ציון**" וואס איז טייטש א צייכן, ווייל די ציצית איז א צייכן אויף אלע תרי"ג מצוות. ב) ציצית איז א לשון פון "**הצצה**" דאס מיינט קוקן, ווייל דורכן קוקן אויף די ציצית דערמאנט מען זיך פון אלע מצוות פון די תורה.

דער הייליגער **צדיק רבי ייב"א** (ר' יעקב יוסף מאוסטראהא) זי"ע, האט געזאגט אז פונקט ווי א שפילער אויף א פידל טוט אויסציעהן די בענדלעך פונעם פידל, און די קינדער קומען צולויפן זען ווען ער וועט אנהייבן צו שפילן אויפן פידל, אזוי אויך ווען א איד טוט אונטערזוכן זיינע ציצית, און ער טוט צושפרייטן די פעדימער, טוען זיך ארום דעם מענטש צונויפזאמלען מלאכים און שרפי מעלה און זיי זאגן "באלד וועט דער מענטש מאכן א ברכה אויף די הייליגע ציצית".

איידער דער **הייליגער גר"א** (דער ווילנער גאון, הג'און ר'בי א'ליהו) זצ"ל איז נפטר געווארן, האט ער אנגעכאפט זיינע ציצית אין די הענט און ער האט געזאגט פאר זיינע נאנטע מענטשן "ווי שווער איז מיר זיך אפצושיידן פון די וועלט, וואס אין איר קען מען מקיים זיין פאר עטליכע פרוטות אזא גרינגע מצוה ווי ציצית, און דורכדעם קען מען צוקומען צו די גרויסע מדריגה פון מקבל זיין פני השכינה אויף יענע וועלט, אבער אויף יענע וועלט, וועט מען מער נישט קענען מקיים זיין קיין שום מצוה".

א טייל פון די מצוה איז "**וראיתם אותו**" אז מען זאל דאס זען, און דאס ברענגט צו די סגולה פון "וזכרתם את כל מצות ה'", אז מען זאל זיך דערמאנען צו היטן די מצות, איז זעלבסט פארשטענדליך דאס חשיבות צו גיין מיט די ציצית אינדערויסן, כדי מען זאל דאס שטענדיג קענען זען, און אוודאי איז זייער נישט שיין די וואס שעמען זיך מיט די ציצית און באהאלטן דאס אין די טאש, איז א גרויסער בזיון.

דער איד האט זיך דאן א כאפ געגעבן אז ער האט יעדע וואך אראפגענומען די צוגעלייגטע בילקעלע - נישט וואוסענדיג אז דאס איז באשטימט פאר **חלה** - און דאס געגעבן פאר דעם קינד צו עסן, דעריבער איז פונקט דאס קינד קראנק געווארן, ער האט באלד אנגעהויבן אראפצונעמען **חלה** און דאס קינד איז געזונט געווארן.

דערציילט ווייטער דער בעל "**שיר ידידות**" אין זיין ספר, מיט א קורצע צייט שפעטער איז אנגעקומען דער באן צו די נייע שטאט וואו זיי האבן זיך באזעצט, עס איז געווען ערב שבת, און די שטאטס לייט האבן אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד, און זיי האבן צוגעגרייט דעם גאנצן שבת מיט אלע מאכלים, באטראכטענדיג די שיינע גרויסע חלות וואס איינער פון די חשוב'ע בעלי בתים אין שטאט האט אים געשיקט, האט ער באמערקט אזא צוגעלייגטע בילקעלע ביי די זייט, איז אים באלד אויפגעקומען אויפן געדאנק אז אפשר איז דאס חלה אזוי ווי ביי יענע מעשה, האט ער געבעטן די רעבעצין זאל גיין פרעגן די פרוי וואס האט געשיקט די חלות אויב זי האט אראפגענומען חלה, די רעבעצין האט נישט געהאט קיין גרויס חשק דערצו, מורא האבענדיג אז מ'וועט שוין זאגן אין שטאט אז די נייע איינוואוינער קומען דא פארפירן מיט פרומקייטן, אבער ער האט נישט געהאט קיין מנוחה דערפון, און ווען די פרוי איז שפעטער נאכאמאל געקומען צו זיי אין שטוב האט ער איר געפרעגט אויב זי האט אראפגענומען חלה, האט די פרוי געענטפערט "איך האב דוקא צוגעלייגט א קליינע בילקעלע אין די זייט ווייל כ'האב אייך געוואלט מזכה זיין מיט די מצוה פון חלה"...

פירט ער אויס זיינע ווערטער "דאן האב איך געזעהן ווי מען האט צוגעפירט פון הימל אז איך זאל דוקא הערן אט די מעשה כדי איך זאל ניצול ווערן פון נכשל ווערן אין איסור חלה".

# די "נשא תורה" (ג)

## דער הייליגער ספר על הגאולה ועל התמורה

די קינדערלעך שיחי' זענען שוין באקאנט איבער די הייליגע תורות וואס דער רבי האט געזאגט אין די וואכן פון נשא, בהעלתך, שלח, קרח, אין יאר תשכ"ז, נאך די 6 טאגיגע מלחמה, איצט וועלן מיר לערנען די ידיעות ווי אזוי' דער רבי האט מחבר געווען דעם ספר "**על הגאולה ועל התמורה**" דאס איז געווען אויסער דעם הייליגן ספר "**ויואל משה**" וואס דער רבי זי"ע האט שוין פארפאסט מיט עטליכע יאר פריער, תשכ"א.

תיכף נאך די "**נשא תורה**" האט דער רבי מגלה דעת געווען אז ער וויל שרייבן א עקסטערע ספר וואו עס זאל ארויסגעברענגט ווערן דעם אמת'ן דעת תורה איבער די ענינים העומדים על הפרק וואס זאל פארבלייבן לדורות עולם צו לערנען מיט אידישע קינדער ווי אזוי מען זאל זיך דערהאלטן ביי די פארשידענע פגעי הזמן.

טראצדעם וואס אלע נאנטע מענטשן צום רבי'ן האבן דעמאלטס געהאלטן אז די צייט איז בכלל נישט צוגעפאסט דערצו, און דער רבי'נס עלטער זייענדיג איבער אכציג יאר אלט איז אויך נישט צוגעפאסט יעצט אנצוהייבן אזא פייערדיגע מלחמה וואס וועט אויפרודערן די וועלט קעגן דעם רבי'ן, האט אבער דער רבי געזאגט אז ער איז שוין אנטשלאסן דאס צו טוהן אפילו אויב דאס וועט אים ברענגען בזיונות.

דער רבי האט געזאגט בדרך הלצה אז אין די גמרא (ערכין ט"ז) איז דא א מחלוקה עד היכן מצות תוכחה, וויפיל א מענטש איז מחויב צו ליידן פארן מוחה זיין קעגן א עבירה, איינער האלט עד כדי נזיפה, ביז יענער וועט אים פאשעמען, און איינער האלט עד כדי הכאה, ביז יענער וועט אים שלאגן, האט דער רבי געזאגט "צו פסק'ענען ווי דער מאן דאמר 'עד כדי הכאה' האב איך נישט קיין חשק... אבער אויב וועל איך מורא האבן פון יענעמס בזיונות וועל איך לויט קיינעם נישט האבן יוצא געווען מצוות תוכחה"...

דעמאלטס האט דער רבי געשריבן די הקדמה צום ספר "**על הגאולה**", און דער ספר זעלבסט איז מסודר געווארן דורך עטליכע פון די סופרי' המלך, פונעם רבי'נס נאנטע מענטשן וואס פלעגן שרייבן דעם רבי'נס תורות, דער רבי איז איבערגעגאנגען יעדעס ווארט, און ער האט צוגעשריבן און אראפגענומען שטיקלעך, ביז ווען ער איז געווען צופרידן פונעם ספר. דער ספר איז בעיקר צוזאמענגעשטעלט געווארן פון די דברות קודש מלהבות אש וואס דער רבי האט געזאגט ביי די שלש סעודות תורות במשך די עטליכע וואכן.

(המשך פונעם ספה"ק "עה"ג ועה"ת" די קומענדיגע וואך אי"ה)

### עטליכע זאצן פון די פלאמפייערדיגע ווערטער וואס דער רבי זי"ע האט געזאגט ביי די "שלח תורה"!

"היעלה על הדעת אויף אזא איסור חמור ונורא, הקב"ה האט געטוהן נסים אז יודן זאלן דינען עבודה זרה? ווי קאן דאס קלערן ווער עס איז א מאמין אין הקב"ה און אין די תורה הק', פאר דעם האט הקב"ה געטון נסים? אז איינער וועט כאפן, ער וועט דערוויישן אן עבודה זרה ביי זיך אין שטוב, ער זאל עס מקיים זיין, וועט מען זאגן הקב"ה האט אים געטון נסים ער זאל דערוויישן די עבודה זרה? ער זאל זיין חייב מיתה א מחרף ומגדף ומנאץ את ה' מיטן איסור עבודה זרה? קאן דאס עמיצער קלערן? אין לך כופר גדול מזה ווער עס קלערט דאס אפילו!"

"אוי לעיניים שכך רואות! ווי' זענען פאר די אויגן וואס קוקן דאס צו! מען דארף נישט זיין אויף די וועלט אז מען זאל אזאנס צוקוקן".

"די גאנצע מלחמה איז נאר געווען ווייל זיי ווילן אז ס'זאל זיין די מלוכה הטמאה, מען זאל ווייטער קענען אויסשמדן יודן, נאך ביתר שאת וביתר עז, דורכדעם איז געווען די גאנצע קריגן!".

"דער בורא כל עולמים זאל העלפן ס'זאל זיין במהרה דורכן מלך המשיח זאלן זיי בטל ומבוטל ווערן, ווייל דורך די אומות איז דאך א סכנה פאר אידן, דער בוכ"ע זאל זיך מרחם זיין, אבער אין דעם קאן גארנישט מסופק זיין ווער ס'גלייבט אז ס'איז דא א באשעפער, אז פאר ביאת המשיח מוז דאס בטל ומבוטל ווערן כעפרא דארעא, די גאנצע מלוכה.